פונקט ווי עס איז פאראן א חילוק צווישן מענטשן, וואס יעדער מענטש האט זיך זיין צוגעפאסטן דרך - לויט זיין שורש נשמה און תכונת הנפש, אזוי **איז אויך פאראן א חילוק - ביים זעלבן מענטש - צווישן איין זמן און א צווייטער זמן!** עס איז פאראן זמנים וואס דער נפש איז אין א מצב וואס ער קען פארנעמען דעם דרך פון 'שור', און עס איז פאראן זמנים וואס דער נפש איז נאר מסוגל פארן דרך פון 'כשב'. און יעדער מענטש קען פילן ביי זיך אין וואספארא סארט מצב זיין נפש געפונט זיך יעצט.

### ווען דער נפש איז געזונט - דארף מען לערנען 'ראשית חכמה'

דער דרך פון 'תביעות' דארף מען נוצן בשעת ווען מען איז אין א געזונטן מצב, בשעת **ווען ער שפירט אז די תביעות וואס ער פאדערט פון זיך - ברענגען אים אריין א חיות און א שמחה. דעמאלט איז די צייט ארויסצונעמען דעם 'ראשית חכמה', דעם 'אור המאיר' וכדומה אלע שטרענגע ספרים, זיך אריינטון דערין און פאדערן פון זיך**, פונקט ווי אין די פריערדיגע דורות וואס מען האט זיך טאקע שטארק תובע געווען און מען האט געארבעט אויף אזא סארט אופן. ווייל **זיי זענען געווען געזונטע מענטשן און האבן געהאט חיות פון דעם**, דאס איז געווען זייער גאנצער מהות - א מהות פון מענטשן וואס האבן א גאנצן צייט טענות צו זיך, פארוואס מען לערנט נישט גענוג און מען דאווענט נישט גענוג. אזוי אויך היינטיגע צייטן, בשעת ווען א מענטש איז אין אזא סארט מצב אז ער שפירט אז דאס וועט אים געבן חיות, דעמאלט זאל ער טאקע עוסק זיין אין דער עבודה.

### ווען דער נפש איז שוואך - דארף מען לערנען ספרי רחמים

אבער בשעת ווען א מענטש איז אין אן אנדערן סארט מצב, ער איז בקטנות און שוואך, קוים וואס ער קען זיך אן עצה געבן אנצוהאלטן ווייטער זיין יעצטיגן מעמד אין עבודת ה', און ער שפירט אז **טאמער וועט ער יעצט קומען צו זיך מיט תביעות און טענות און זיך אפרעדן אויף זיין מעמד אין עבודת ה' - וועט ער נישט באקומען קיין שום חיות פון דעם**, נאר פארקערט גאר, ער וועט ווערן אינגאנצן מיואש און עס וועט אים ברענגען א מורא'דיגע התרשלות פון דאס וואס ער האט שוין יא - אין אזא צייט דארף ער ארויסנעמען פון שאנק אנדערע סארט ספרים. ווייל יעצט זאגט דאך דער יצר הרע: אז איך בין מיואש! אז דער אויבערשטער האט נישט קיין רחמנות אויף מיר! אז דער אויבערשטער איז בייז אויף מיר און האט מיר נישט ליב! נו, אויב אזוי **איז יעצט מיין חיוב אין עבודת ה' ארויסצונעמען די סארט ספרים וואס רעדן נישט אזויפיל פון תביעות, נאר וואס רעדן מער פון הארציגקייט און קשר צום רבונו של עולם.**

### תגידו לו שחולת אהבה אני

ווען א מענטש לערנט די סארט ספרי רחמים, ווערט ער געטרייסט און געשטארקט, ער באקומט כוחות אנצוגיין אין עבודת ה'. פון די ספרים באקומט ער א געפיל אז דער רבונו של עולם איז דער גרעסטער רחמן! **נישט נאר אידישע 'נשמות' האט ער ליב - נאר ער האט אויך ליב אידישע 'גופים'!** ער באקומט א געפיל אז דער רבונו של עולם שטייט נישט מיט קיין שטעקן און פאדערט פונעם מענטש מער פון וויפיל ער קען - נאר **ער איז א גוטער טאטע וואס האט אים ליב און קוקט ארויס אויף זיין הצלחה! ער באקומט א געפיל אז דער רבונו של עולם פריידט זיך מיט אים** - און ממילא, פריידט ער זיך מיטן רבונו של עולם!

### דער היינטיגער דור דארף מער חיזוק

דער וואס לערנט די סארט ספרים און טראכט די סארט מחשבות, גייט אריין אונטער א הנהגה פון 'רחמים', וואס דאס איז אינגאנצן אן אנדערע סארט עבודה און מהלך אין עבודת ה', וועלכע קלאפט אויס אויף גאר אסאך אופנים. און ווי געזאגט, עס זענען פאראן געוויסע מענטשן וואס זענען מער געאייגנט פאר דעם דרך, אפילו ביי צדיקים - זענען געווען צדיקים וואס בשורש האבן זיי געהאט שייכות מער מיט דעם דרך. אזוי אויך איז געווען געוויסע דורות אויף דעם אופן און געוויסע דורות אויפן אנדערן אופן. לפי ערך הדור קען מען זאגן: **אינעם היינטיגן דור איז דאס דער עיקר דרך מיט וואס מען דארף ארבעטן! - דער דרך פון רחמים!** און אפילו ביי אזא סארט מענטש וואס דאס איז נישט ממש זיין כסדר'דיגן דרך, איז אבער פאראן אמאל צייטן וואס ער מוז גיין אויף דעם דרך.

**דער ריכטיגער עובד ה' - נוצטביידע מהלכים**

בכלליות קען מען ארויסנעמען איין קלארע הנהגה וואס מען קען זאגן פאר יעדן מענטש: מען מוז זיך טאקע 'תובע' זיין - איינער 'מער' און איינער 'ווייניגער' - אבער **טאמער ער שפירט אז יעצט וועט די תביעה אים ברענגען א 'ריחוק', מוז ער גיין מיטן אנדערן דרך און עפענען אנדערע ספרים**. און כאטש וואס דער דרך פון 'רחמים' איז אינגאנצן אן אנדערן מהלך ווי דער מהלך פון 'תביעות', דאך קען א מענטש באווייזן צו גיין מיט ביידע מהלכים - יעדער מהלך אין זיין צייט - פונקט ווי דער רבונו של עולם גייט אויך מיט ביידע מהלכים. דער כלל פון א ריכטיגער עובד ה' איז: ער איז נישט מצומצם אין א געוויסן קעסטל - נאר ער נוצט יעדן מהלך - אין זיין צייט. ווייל יעדער מהלך איז דאך טאקע אמת! אודאי, טאמער איז ער א גרויסער 'בעל מח' - האט ער קלאר ארויס וויאזוי די צוויי מהלכים ארבעטן צוזאמען. אבער אפילו טאמער ער איז נישט אזא גרויסער 'בעל מח' - ווייסט ער כאטש אז אזוי איז עס! נישט קיין חילוק דער 'פארוואס', ער מוז נישט אלעס פארשטיין! דער עיקר איז, אז עס איז דא א מקום פאר דעם מהלך און א מקום פאר דעם מהלך! דאס הייסט, אז כאטש עס איז טאקע פארהאן גרויסע 'תביעות' אויף מיר - דאך איז נישטא קיין שום סיבה אז איך זאל זיך מייאש זיין! כאטש איך מוז זיך טאקע פארבעסערן אין אסאך ענינים - דאך איז נישטא קיין שום סיבה אז איך זאל האלטן אז עס איז נישטא קיין תקוה! און **כאטש אז דער רבונו של עולם גייט טאקע מיטן גאנצן מדת הדין און ער איז מיר גארנישט מוותר - דאך איז נישטא קיין שום סיבה צו מיינען אז דער רבונו של עולם האט מיר נישט ליב** אדער אז דער רבונו של עולם האט נישט קיין רחמנות אויף מיר! איי, וויאזוי שטימט עס? איך ווייס נישט און איך מוז נישט וויסן! אבער וואס איז א חילוק וויאזוי עס שטימט?! למעשה זאגט די תורה אז עס שטימט און דאס איז דער אמת!

ב.

# אהבתי אתכם אמר ה': דער אויבערשטער האט אונז ליב

**דער שליסל אריינצוגיין אינעם דרך פון רחמים - התבוננות**

יעדער דרך וואס א מענטש וויל אריינגיין דערין, פאדערט זיך א 'התבוננות'. אזוי אויך לענינינו, אריינצוגיין אינעם דרך פון 'רחמים', דארף דער מענטש לערנען די לימודים פון מדת הרחמים, אריינטראכטן דערין און ארבעטן דערויף. דאס הייסט, מען דארף זיך מתבונן אין די 'חסדים' וואס דער רבונו של עולם טוט מיט אונז, די 'רחמנות' וואס דער רבונו של עולם האט רחמנות אויף אונז און די 'אהבה' וואס דער אויבערשטער האט אונז ליב.

**אלע חסדים קומען ווייל דער אויבערשטער האט אונז ליב**

דער לימוד איז א מסכת פאר זיך, זיך צו מתבונן זיין וואו א מענטש קען אלץ זען די חסדי ה' און אהבה וואס דער אויבערשטער האט צו אונז; ווי מען זעט אסאך אין חובת הלבבות, בפרט אין שער חשבון הנפש, וואו ער רעכנט דארט אויס איינע פון די חשבונות (פרק ג' חשבון י"ד): **"הודיענו הנביא, כי הוא אוהב אותנו כמו שאמר** (דברים ז' ז'): **לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם ויבחר בכם - כי מאהבת ה' אתכם. ועם מה שהודיענו בזה ראינו אותות אהבתו אותנו ועזרתו לנו, חדשים גם ישנים, עם הקרבתו והבטחתו לנו בכל דור ודור"** - א מענטש דארף גלייבן אין די אלע פסוקים וואס שטייען אין גאנץ תנ"ך וויפיל דער רבונו של עולם האט אים ליב און אריינטראכטן דערין, און דערנאך זאל ער זיך אויך מתבונן זיין אלץ וואס ער איז דורכגעגאנגען דורכאויס זיין גאנץ לעבן, וויפיל חסדים דער רבונו של עולם האט געטון מיט אים אין דער פארגאנגענהייט, און וויפיל חסדים אויף חסדים דער רבונו של עולם טוט כסדר מיט אים יעדן טאג; ווי מען זאגט ביי מודים: "על נסיך שבכל יום עמנו", וואס מען קען זיך דאס אפילו נישט פארשטעלן! וויפיל מען וועט זיך נאר מתבונן זיין דערין - וועט מען אלץ זען אז מען האט עס נאך אפילו נישט אנגעהויבן צו דערגיין! עס האט נישט קיין עק, עס איז בלי גבול וסוף ממש! עס איז העכער פון אונזערע השגות! און דער מענטש זאל צולייגן הארץ אז **די אלע חסדים טוט נישט דער אויבערשטער פאר סתם - נאר עס שטאמט פון דער גרויסער אהבה וואס ער האט צו אונז**. דאס איז א גאנצער לימוד און התבוננות אין די חסדים און די אהבה וואס דער אויבערשטער האט צו אונז.

**די געוואלדיגע רחמנות פון משה רבינו**

אזוי אויך קען מען זיך מתבונן זיין און אריינטראכטן ווי ווייט עס גייט דאס רחמנות פונעם רבונו של עולם אויף א איד. אלס דוגמא, קען מען אריינטראכטן אין די פסוקים פון פרשת כי תשא - נאכן חטא העגל. באלד נאכן חטא איז משה רבינו ארויפגעקומען אין הימל און געזאגט (שמות ל"ב ל"א): "אנא חטא העם הזה חטאה גדולה וגו' ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת". משה רבינו איז דער גרעסטער רחמן וואס איז נאר פארהאן, ער האט רחמנות סיי אויף אידישע נשמות און אויך אויף די אידישע גופים, און ער זאגט: "מעק מיר אויס!". דאס הייסט, ער איז זיך מוסר נפש אז אידן זאלן בלייבן לעבן; ווי דער זוהר הק' זאגט (ח"ב קצ"ג:): אז משה רבינו איז געווען דא א 'רעיא מהימנא' - א געטרייער פאסטוך וואס האט רחמנות אויף די שעפעלעך און גיבט אוועק זיין לעבן פאר זייערטוועגן, און דער זוהר הק' איז דארט מאריך און איז זייער משבח ווי משה רבינו האט געדאווענט פאר כלל ישראל.

**משה רבינו איז מעורר רחמים פונעם חטא גופא**

מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך: אנשטאט אז משה רבינו זאל זיך אנהייבן מתנצל זיין און זוכן תירוצים פארוואס אידן זענען דורכגעפאלן, און מליץ יושר זיין אז זיי זענען נישט אזוי שולדיג וכדומה - אנשטאט דעם זאגט ער גאר פארקערט: **"אנא חטא העם הזה חטאה גדולה"** - די עבירה איז געפערליך גרויס! לכאורה איז נישט צום פארשטיין: וואספארא מין וועג פון פועל'ן איז דאס, אז מען רעדט פון דער גרויסקייט פון דער עבירה? נאר דער פשט איז, אז משה רבינו זאגט: "דאס איז א געפערליכער חטא! פארוואס איז עס אזוי געפערליך?! ווייל פאר אזא גוטן און זיסן באשעפער גייט מען מאכן אן עגל? נאך אזא גרויסע אהבה וואס דער אויבערשטער האט אונז געוויזן ביי מתן תורה - וואס ער האט אונז געגעבן די שעשועים פון תורה - זענען זיי אזעלכע 'כפויי טובה' און מאכן אן עגל? אוי געוואלד, "אנא חטא העם הזה חטאה גדולה" - זיי האבן נעבעך אזוי געזינדיגט! דער חטא איז אזוי גרויס אז עס איז נישט שייך צו זאגן ווי גרויס דער חטא איז! ווייל צו מצער זיין אזא 'אב הרחמן' - איז א שרעקליכער חטא!".

און דא קומט משה רבינו צו צום עיקר נקודה: **"ועתה"** - אויב איז עס טאקע אזא גרויסער חטא, דאס הייסט, אז דו ביסט טאקע דער גוטער 'אב הרחמן' - וואס דאס מאכט דאס פאר אזא גרויסער חטא - נו אויב אזוי: **"אם תשא חטאתם"** - מוזטו זיי מוחל זיין, ווי א טאטע וואס איז מוחל פאר זיין קינד! **"ואם אין"** - טאמער דו ווילסט זיך מאכן כאילו דו ביסט נישט אזא 'אב הרחמן' און זיי נישט מוחל זיין, איז: **"מחני נא מספרך אשר כתבת"** - בין איך נישטא! איך שטיי כסדר און לערן אויס פאר כלל ישראל אז דו ביסט דער 'אב הרחמן', איז טאמער דו ווילסט נישט זיין קיין 'אב הרחמן' - בין איך נישט קיין מציאות! אדער ביסטו מוחל אדער בין איך נישטא!

**דער מדת הדין שרייט צוריק אויף משה רבינו**

דאס איז געווען די געוואלדיגע מדת הרחמים פון משה רבינו, וואס ער האט אביסל משיג געווען און פארשטאנען די רחמי שמים, וויפיל דער רבונו של עולם האט רחמנות. דערפאר האט ער געקענט טענה'ן: "דו מוזט רחמנות האבן בלי גבול! נישטא קיין אנדערע ברירה, דו ביסט דער אב הרחמן מוזטו זיי מוחל זיין! בשעת מעשה האט עס אויסגעזען כאילו ער איז שוין צופיל מגזים אינעם רחמנות פונעם רבונו של עולם, אזוי ווייט אז דער רבונו של עולם אליינס האט אים צוריק געענטפערט מיט א שטרענגקייט: **"מי אשר חטא לי אמחנו מספרי"** - משה, עס איז דאך פארהאן א 'מדת הדין' אויף דער וועלט! עס איז נישטא קיין חכמות! דו מיינסט אז עס גייט עפעס אזוי מיט א 'מחני נא'?! ניין! עס גייט נישט אזוי! עס איז דא א מדת הדין וואס פאדערט אן עונש פאר דעם חוטא!

**פרק י"ט**

כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אֶלָּא לְמִי שֶׁאוֹהֵב אֶת יִשְׂרָאֵל, וְכָל מַה שֶּׁאָדָם מַגְדִּיל אַהֲבָתוֹ לְיִשְׂרָאֵל, גַּם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַגְדִּיל עָלָיו, וְאֵלֶּה הֵם הָרוֹעִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁל יִשְׂרָאֵל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בָּהֶם הַרְבֵּה, שֶׁמּוֹסְרִים עַצְמָם עַל צֹאנוֹ וְדוֹרְשִׁים וּמִשְׁתַּדְּלִים עַל שְׁלוֹמָם וְטוֹבָתָם בְּכָל הַדְּרָכִים. וְעוֹמְדִים תָּמִיד בַּפֶּרֶץ לְהִתְפַּלֵּל עֲלֵיהֶם לְבַטֵּל הַגְּזֵרוֹת הַקָּשׁוֹת, וְלִפְתֹּחַ עֲלֵיהֶם שַׁעֲרֵי הַבְּרָכָה

**נקודות:**

בכלליות קען מען ארויסנעמען איין קלארע הנהגה וואס מען קען זאגן פאר יעדן מענטש: מען מוז זיך טאקע 'תובע' זיין – איינער 'מער' און איינער 'ווייניגער' – אבער טאמער ער שפירט אז יעצט וועט די תביעה אים ברענגען א 'ריחוק', מוז ער גיין מיטן אנדערן דרך און עפענען אנדערע ספרים

~

האט דער רבונו של עולם געזאגט צו משה: "דו האסט אזויפיל מעורר געווען רחמים און געגלייבט אז איך בין אן 'אב הרחמן', דו מיינסט אז דו ווייסט שוין אלעס איבער מיינע רחמים? ניין! דו הייבסט נישט אן צו וויסן ווי ווייט מיין רחמנות אויף א איד גייט! איך וועל דיר יעצט מגלה זיין אזעלכע מדות של רחמים וואס דו האסט אפילו נישט געוואוסט דערפון! משה, דו ביסט געווען צי קארג! וויפיל דו האסט געזאגט האסטו נישט גענוג געזאגט!

פרק י"ט

הִנֵּה זֹאת וַדַּאי שֶׁאַהֲבָה זֹאת צָרִיךְ שֶׁלֹּא תִהְיֶה אַהֲבָה הַתְּלוּיָה בְּדָבָר, דְּהַיְנוּ, שֶׁיֹּאהַב אֶת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ עַל שֶׁמֵּטִיב אֵלָיו וּמַעֲשִׁירוֹ וּמַצְלִיחַ אוֹתוֹ, אֶלָּא כְּאַהֲבַת הַבֵּן לְאָבִיו, שֶׁהִיא אַהֲבָה טִבְעִית מַמָּשׁ, שֶׁטִּבְעוֹ מַכְרִיחוֹ וְכוֹפֵהוּ לָזֶה, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים לב), "הֲלֹא הוּא אָבִיךָ קָּנֶךָ"

**אפילו משה רבינו האט נאכנישט אנגעהויבן משיג צו זיין די רחמי ה'**

משה רבינו האט זיך נישט אבער געלאזט און ווייטער געשטאנען און איינגעריסן בתפלה פאר פערציג טעג. צום סוף האט ער גע'פועל'ט און דער רבונו של עולם האט אים מגלה געווען די י"ג מדות של רחמים. מיט דעם האט דער רבונו של עולם געזאגט צו משה: "דו האסט אזויפיל מעורר געווען רחמים און געגלייבט אז איך בין אן 'אב הרחמן', דו מיינסט אז דו ווייסט שוין אלעס איבער מיינע רחמים? ניין! דו הייבסט נישט אן צו וויסן ווי ווייט מיין רחמנות אויף א איד גייט! איך וועל דיר יעצט מגלה זיין אזעלכע מדות של רחמים וואס דו האסט אפילו נישט געוואוסט דערפון! משה, דו ביסט געווען צי קארג! וויפיל דו האסט געזאגט האסטו נישט גענוג געזאגט! דו וואלסט נאכמער געדארפט מעורר זיין! דו האסט דערמאנט זכות אבות?! אויף דעם זאגט רש"י דארט (שמות ל"ג י"ט): "וקראתי בשם ה' לפניך - ללמדך סדר בקשת רחמים אף אם תכלה זכות אבות וכו' הוי מלמד את ישראל לעשות כן ועל ידי שיזכירו לפני 'רחום וחנון' יהיו נענין כי רחמי לא כלים" - לערן אויס פאר אידן אז **עס איז נישטא קיין מצב וואס מען קען נישט מעורר זיין מיין רחמנות, ווייל 'רחמי לא כלים'!** איך וועל דיר זאגן אזעלכע רחמים וואס דו האסט אפילו נישט מעורר געווען, דאס איז רחמים וואס גייט בלי גבולו!". דאס איז נאר איין דוגמא פון התבוננות, און אזוי איז פאראהאן אָן א שיעור פסוקים אין תנ"ך און מאמרי חז"ל, בפרט אין זוה"ק און אין כתבי אר"י ז"ל - וועלכע זענען מגלה דעם עומק ווי ווייט עס גייט די רחמנות פונעם רבונו של עולם.

**ווי קען מען חושד זיין דעם אויבערשטן אז ער איז שטרענג?**

דער סארט התבוננות פרעגט אפ אלע נעגאטיווע מחשבות און עס שרייט צום מענטש: דו מעגסט האבן אזויפיל שכל, הארץ און נשמה, אז דו זאלסט זיך מתייחס זיין צום רבונו של עולם - אזויווי מען דארף זיך מתייחס זיין! פארוואס קומט זיך נישט פאר אזא גוטער און רחמנות'דיגער באשעפער, אז דו זאלסט פארשטיין אז ער איז דיין אב 'הרחמן'?! **פארוואס טראכסטו א גאנצן טאג אז דער רבונו של עולם שטייט אויף דיר מיט א שטעקן?! פארוואס טראכסטו א גאנצן טאג כאילו דו האסט א משגיח וואס פארלאנגט און ציהט פון דיר**, ער וויל נאך און נאך און מען איז קיינמאל נישט יוצא, און עס איז אזוי שווער?! פארוואס טראכסטו נישט אז דו האסט דעם גרעסטן אב הרחמן?!

**דער קשר וואס אזא איד מאכט מיטן רבונו של עולם**

א איד דארף זיך **ארומדרייען מיט א גוטסקייט אין הארץ - וויסנדיג אז דער רבונו של עולם האט געוואלדיג רחמנות אויף אים!** א איד דארף זיך ארומדרייען מיט א כח התפלה אין הארץ - וויסנדיג וויפיל מען קען זיך מתחטא זיין לפני קונו און זיך בעטן ביים רבונו של עולם! א איד דארף זיך ארומדרייען מיט א בטחון אין הארץ - וויסנדיג וויפיל מען קען זיך מחזק זיין מיטן רבונו של עולם! אזא איד מאכט אן אנדערן סארט קשר מיטן רבונו של עולם, עס איז אינגאנצן אן אנדערן שייכות מיטן רבונו של עולם, ער איז אריין אין אן אנדערן וועלט, אן 'עולם הרחמים'. און דערצו קומט נאך צו די סייעתא דשמיא וואס דער מענטש באקומט דורכדעם, ווייל פון אזא קשר - קומט אן אנדערע הנהגה, אן הנהגה פון רחמנות. אלע מלאכים שטייען און פרעגן: "פארוואס באקומט ער חסד, און יענער נישט?". ענטפערט מען זיי: "זייער פשוט, ער האט קונה געווען דעם 'מדת החסד'! ער האט זיך אויסגעארבעט אז ער איז געווארן אזא מענטש וואס מען דארף טון מיט אים חסד!".

ג.

# דער אויבערשטער פארלאנגט נישט זיך איבערצורייסן

**די שוועריקייטן פון די בחור'ישע יארן**

עס איז פאראהאן א וויכטיגער יסוד וואס א בחור דארף וויסן - וועלכער איז א 'פועל יוצא' פונעם דרך פון 'רחמים' - דאס איז דער ענין פון זיך אפרוען ווען עס פעלט אויס. ווייל אינ'אמת'ן איז די בחור'ישע יארן נישט קיין לייכטע תקופה אין לעבן, מען רעדט שוין נישט ברוחניות - פון די אלע נסיונות וואס א בחור גייט דורך, נאר אפילו בגשמיות איז עס נישט גרינג. ווייל עס איז תקופה פון 'וואקסן', אנגעהויבן פון דער בר מצוה ביז צו די צוואנציג יאר וואקסט דער גוף און נפש, די כוחות הגוף והנפש האלטן זיך אינמיטן אנטוויקלען און אויסוואקסן, וואס דער בחור גייט אריבער א בריק פון 'קטנות' צו 'גדלות' - פון א 'קינד' צו אן 'ערוואקסענער מענטש'. און דאס איז אן אנגעשטרענגטער דורכגאנג, ווייל עס איז א צייט וואס מען שטעלט אוועק די יסודות אויפן גאנצן לעבן, ער הייבט אן מער צו טראכטן און שפירן, און עס פארעמט זיך דא אויס א געשטעל פון א מענטש, זיינע מדות, זיינע דעות און זיין גאנצער מהות ווערט יעצט אוועקגעשטעלט. דערפאר זענען די נערוועז פון א בחור זייער אנגעשטרענגט, ווייל דער דורכגאנג שטרענגט זייער שטארק אָן זיינע כוחות, סיי די כוחות המח און סיי די כוחות הגוף; ווי מען זעט בחוש אז א יונגער בחור קען זייער שנעל מבולבל ווערן, דאס קען אים מבלבל זיין און יענץ קען אים מבלבל זיין, סיי ברוחניות - די אלע נייע יצר הרע'ס וואס ווערן נולד, און סיי בגשמיות - די אלע פראבלעמען וואס בחורים מוטשען זיך, אזעלכע זאכן וואס אינ'אמת'ן הייבט זיך עס בכלל נישט אן - עס איז נאר א תוצאה פון אנגעשטרענגטע נערוועז.

**דער גוף דארף זיך אפרוען מזמן לזמן**

פון איין זייט רעדט מען כסדר, אז א בחור דארף זיך ארײנלייגן אין לערנען און עס זאל זיין ממש 'לא פסיק פומא מגירסא', נישט נאר אין די סדרי הישיבה, נאר אויך די פרייע זמנים זאל זיין אנגעפילט מיט תורה. אבער פון דער צווייטער זייט דארף מען אויך וויסן פונעם 'ביטולה של תורה זהו קיומה' (מנחות צ"ט.). עס קען זיך מאכן אמאל אז א בחור שפירט אן אנגעצויגנקייט, ער איז איבערגעשטרענגט וכדומה. דארף ער וויסן, אז **עס איז נישט קיין שום עבירה אז ער זאל זיך אביסל אויסטשוכען די נערוועז - אדרבה, עס איז גאר א מצוה!** טו פעולות פון 'מנוחה'; ווי למשל, נעם א טיי, ליין א מעשה ביכל, לייג זיך אביסל פריער שלאפן און רוה זיך אויס וכדומה! און טוה דאס מיט א כונה לשם שמים ממש! עס איז א מצוה צו זען אז די נערוועז און די כוחות הגוף זאלן נישט זיין אזוי איבערגעשטרענגט!

**צדיקים און רבנים פלעגן פארן אויף אפרוה**

עס איז גארנישט אנדערש ווי עס איז איינגעפירט ביי אלע רבי'ס און רבנים, אז נאך אן אנגעשטרענגטן חודש תשרי גייט מען אויף אפרוה. דארט פארשטייט יעדער מענטש אז עס קומט זיך זיי, די מענטשן טראגן דאך אויף זיך א מורא'דיגן עול, ברוך השם עס איז דא היינט א גרויסן ציבור כ"י וועלכע רייסן פון אלע זייטן, און די רבי'ס האבן נישט קיין מינוט צייט דורכאויס דעם גאנצן חודש, ממילא זענען זיי אנגעשטרענגט און דארפן זיך אפרוען. און דאס איז נישט נאר היינט, נאר אין אלע דורות איז אזוי געווען, רבנים פלעגן אייביג פארן אויף אפרוה; ווי מען זעט אין אלע תשובה ספרים, ווי יעדער גדול שרייבט אזעלכע לשונות ווי: "ואין הספרים עתה בידי, כי הלכתי לערי החצרים לשאוב אויר צח", וכדומה אזעלכע לשונות (לדוגמא זעה אין תשובות חתם סופר (חלק אה"ע חלק ב' תשובה קל"ט, וכן בכמה מקומות בספרו): "שילהי קייטא דדרכי לדור באחד מערי החצרים לשאוב אויר טוב, אז בין ערוגות הבשם אשתעשע בנעימות ידידי"). און אזוי איז אויך געווען ביי אלע צדיקים; ווי עס איז מקובל אסאך מעשיות וואס זענען פארגעקומען ביי צדיקים זייענדיג אין די קור ערטער. פונקט אזוי, קען זיך מאכן ביי א בחור נאך א שטיק צייט פון ליגן אין לערנען מיט התמדה רבה, אז ער איז איבערגעשטרענגט! און **ער איז גארנישט אנדערש ווי דעם אדם גדול! עס קומט זיך אים אויך זיך אפצורוען אביסל!** אודאי דארף מען היטן די סדרי הישיבה, ווייל א ישיבה שטעלט נישט געווענליך אוועק קיין סדרים וואס ברענגען אז דעם בחור'ס נערוועז זאל ווערן איבערגעצויגן. אבער אז עס מאכט זיך אמאל אז יעצט איז ער אנגעשטרענגט, איז גארנישט געשען, לייגט מען זיך אראפ אביסל פריער און מען רוהט זיך אויס.

**אל יהיה שוטה - אָן שכל קען מען נישט לערנען קיין איין חסיד'יש ספר...**

אודאי טאר מען זיך נישט נ□רן אין דעם, אז יעדעס מאל וואס עס דוכט זיך אים נאר אז ער איז אביסל אנגעשטרענגט, וועט ער נעמען א טיי און זיך גיין אפרוען... מען דארף האבן שכל! יעדע זאך דארף מען וויסן וואו און ווען! נישט יעדער ווערט אזוי שנעל איבערגעשטרענגט,

<<< המשך בעמוד הבא

**נקודות:**

דו מעגסט האבן אזויפיל שכל, הארץ און נשמה, אז דו זאלסט זיך מתייחס זיין צום רבונו של עולם – אזויווי מען דארף זיך מתייחס זיין! פארוואס קומט זיך נישט פאר אזא גוטער און רחמנות'דיגער באשעפער, אז דו זאלסט פארשטיין אז ער איז דיין אב 'הרחמן'?! פארוואס טראכסטו א גאנצן טאג אז דער רבונו של עולם שטייט אויף דיר מיט א שטעקן?!

~

איז דער 'אפרוען' אויך א געוויסער חלק פון עבודת ה', עס איז נישט סתם אז ער האט זיך יעצט אפגערוהט, נאר דאס האט אים צוגעגעבן א נייער קוק און געפיל אין גאנץ עבודת ה', אז מיר האבן ממש א פאטערליכער טאטע וואס האט רחמנות אויף אונז

# דרכי הצדיקים

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

מלוה מלכה בירושלים עיה"ק תובב"א
מוצ"ש פרשת בא תשע"ט

- הרה"ק מראפשיץ זי"ע היה נוסע במשך ימי חייו להרבה צדיקי דורו, ואמר פעם על עצמו שנסע לר"נ רבי'ס, אבל מתוכם היה שלושה שהיה מחשיב בעיקר לרבותיו, והם הרה"ק המגיד מקאזניץ זי"ע, הרה"ק הרבי מלובלין זי"ע והרה"ק הרבי ר' מענדל'ע מרימנוב זי"ע. והיה אומר: 'אין קורין לאבות אלא שלשה', היינו הג' צדיקים הללו שהם היו עיקר רבותיו.

  והיה להרה"ק מראפשיץ סדר מיוחד בכל שנה, כאשר נסע מביתו להסתופף אצל הצדיקים ולשבות אצלם. בתחילה התחיל את מסעו אצל הרבי מלובלין, ומשם היה נוסע אל הצדיקים האחרים. ולבסוף בדרכו חזרה אל ביתו, עבר שוב אצל הרבי מלובלין, ומשם שב לביתו. ואמר על כך: 'א איד דארף אנהייבן מיט שמחה און ענדיגן מיט שמחה' (יהודי צריך להתחיל עם שמחה ולסיים עם שמחה). ולכן היה פותח את דרכו אצל הרבי מלובלין, כי שם היה כולו שמחה, וכך גם סיים שם את סדרי נסיעותיו.

- שמעתי מאת הרה"צ מפאיע זצ"ל - שהיה בבחורתו משב"ק אצל הרה"ק מסאטמאר זי"ע בשנותיו הראשונות בארה"ב - כי פעם אחת דיבר עם הרה"ק מסאטמאר על מה שהרה"ק מראפשיץ מביא בספרו הק' כמה דברים מן הצדיקים אשר נסע אליהם, כמו הרה"ק הרבי רבי מיכל'ע מזלאטשוב זי"ע והרבי מלובלין ועוד, אבל כאשר הוא מביא דברים בשם הרה"ק מרימנוב הרי הוא מפליג מאד במעלת דבריו, וכמה פעמים הוא כותב עליו 'שכל דבריו דברי אלקים חיים'. ושאל את הרה"ק מסאטמאר, כי נראה מזה שהרה"ק מראפשיץ היה מחשיב את הרה"ק מרימנוב לרבו המובהק? ענה לו הרה"ק מסאטמאר: 'איך האב מקבל געווען פון מיין שווער דער פלאנטשער רב, אז ביי דעם ראפשיצער רב איז געווען דער עיקר רבי - דער רבי פון לובלין' (קיבלתי מפי חותני הרה"ק מפלאנטש זי"ע, כי אצל הרה"ק מראפשיץ היה עיקר הרבי - הרבי מלובלין).

  ושמא יש לפרש במה שהרה"ק מראפשיץ מפליג כ"כ במעלת דברי הרה"ק מרימנוב, דהיינו מפני שהוא היה אומר יסודות גדולים וחידושים מופלאים במיוחד, כמו שיכולים לראות גם בספרו מנחם ציון, אשר הוא יכול לומר דברים שהם מחודשים מאד, כמעט ממש כמו מדרש, בלי לציין להם שום מקור, ועל כך כתב הרה"ק מראפשיץ 'שכל דבריו דברי אלקים חיים', כי דבריו הם כמו תורה מסיני.

- הרה"ק הרר"א מדזיקוב זי"ע שוחח פעם אודות אביו הרה"ק מראפשיץ, ואמר: 'איך וועל נישט זאגן זיכער יָא, אבער זיכער ניין וועל איך אויך נישט זאגן, צו ער איז נישט געוועהן גרעסער ווי די אלע צדיקים וואס ער איז געפארן צו זיי'. (לא אומַר בודאי כן, אבל ודאי לא גם לא אומַר, אם הוא לא היה גדול יותר מכל הצדיקים שנסע אליהם). וכאשר היה כ"ק רבינו זי"ע מספר דבר זה, היה אומר: 'איך וויל גאר נישט זאגן צו וועם ער איז געפארן' (אינני רוצה כלל לומר אל מי נסע), שהרי נסע ממש אל הגדולים ביותר, כי כבר נסע אל הרה"ק הרבי רבי אלימלך מליז'ענסק זי"ע ואל הרה"ק הרבי רבי מיכל'ע מזלוטשוב זי"ע.

- אחר פטירת הרבי מלובלין כשחזרו מן הלויה רצה הרה"ק מראפשיץ לעורר רחמים בשמים להביא את משיח, וענה ואמר בשברון לב: 'אונז האבן מיר נישט קיין רבי'ן, אונז האבן מיר נישט קיין רבי'ן, מ'דארפ'ן א רבי'ן, מ'דארפ'ן א רבי'ן' (אין לנו רבי, צריכים אנו לרבי). היה שם צדיק אחד אשר שמע את דבריו, ואמר לו: 'וואס פעלט ענק דען אין אונז, אונז זענען מיר דאך דא' (וכי מה חסר לכם אצלינו, הרי אנו עדיין נמצאים), והתכוין בזה לחזק את רוחו. ענה לו הרה"ק מראפשיץ: 'אַה איך האב נישט דאס געמיינט, איך האב דאך געמיינט דעם אמת'ן רבי'ן, דַבָּר אחד לדור' (לא לזה התכוונתי, אני התכוונתי אל הרבי האמיתי, דבר אחד לדור), והיינו כי רצה בזה לעורר רחמי שמים להביא את משיח, ואותו צדיק שענה לו כך הפריע את רצונו, כי לא היתה השעה ראויה לכך.

  ופעם פירוש על זה כ"ק רבינו זי"ע כי אע"פ שידוע כמה התנגד הרה"ק מראפשיץ אל מה שרצו הרה"ק מרימנוב ועוד כמה צדיקים להביא את משיח בדורו, כי טען אשר זה יגרום לריבוי חבלי משיח ר"ל (עי' במדור דרכי הצדיקים בגליון ל"ג). אכן כל התנגדותו אז היתה על מה שהם עסקו בפעולות והתאמצות מיוחדת ומפורשת על ענין זה. אבל כאן רצה הרה"ק מראפשיץ לעורר בדרך אגב אורחא עת רצון בשמים, ולהביא את משיח בבת אחת בלי חבלי משיח.

>>> המשך מעמ' הקודם

אלעס דארף זיין מיט א בקשת האמת און מיט שכל; ווי איך האב געהערט אמאל פון אמשינאווער רבי'ן זצ"ל וואס ער האט נאכגעזאגט פון א אלטן חסיד: דער 'תניא' זאגט אויף איין פלאץ: "ולא יהיה שוטה בהעלאת המדות" - דו זאלסט זיך נישט נארן אז דו ביסט שוין אויף דער מדריגה. האט יענער חסיד געזאגט: "באמת וואלט נאך יעדעס ווארט אין תניא געדארפט שטיין: 'ולא יהיה שוטה'. נאר 'בפירוש' - האט ער עס טאקע בלויז איינמאל געשריבן, אבער 'צווישן די שורות' - שטייט עס אינעם גאנצן ספר!". **אויב מען ווייסט נישט פונעם 'ולא יהיה שוטה', קען מען נישט לערנען קיין שום חסיד'יש ספר, ווייל יעדע זאך קען מען אויסטייטשן נישט ריכטיג.**

## דער 'קנין בנפש' וואס מען איז קונה דורכן זיך אפרוען ריכטיג

מען מיינט נישט דא נאר דעם עצם זאך פון זיך אפרוען און מחזק זיין די כוחות הגוף, נאר מען מיינט מער דעם חלק 'השקפה' דערין: "אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו! דו זאלסט נישט מיינען אז דער רבונו של עולם שטרענגט דיר אָן מער פון וויפיל דו קענסט! דו זאלסט וויסן אז ער איז א 'בעל הרחמים' און ער וויל נישט פון דיר מער פון וויפיל דו קענסט! טאמער דו פילסט אז עס איז נישט פאר דיינע כוחות, זאלסטו זיין זיכער אז **דער 'אב הרחמים' שוינט דיר אויך! ער איז דיין טאטע און האט דיר גענוג ליב און ער וויל אויך נישט אז דו זאלסט זיך איבעררייסן!**". ווען מען קוקט עס אן אויף דעם אופן, איז דער 'אפרוען' אויך א געוויסער חלק פון עבודת ה', עס איז נישט סתם אז ער האט זיך יעצט אפגערוהט, נאר דאס האט אים צוגעגעבן א נייער קוק און געפיל אין גאנץ עבודת ה', אז מיר האבן ממש א פאטערליכער טאטע וואס האט רחמנות אויף אונז.

## עס איז א חלק פון די 'השגות אלקות'

מען זעט אז באלד ביי מתן תורה שטייט אין פסוק (דברים ל"ב י"א): "כנשר יעיר קנו" - פונקט ווי אן אדלער וועלכער האט רחמנות אויף זיינע פייגעלעך און וועקט זיי אויף צוביסלעכווייז, אזוי אויך האט דער רבונו של עולם זיך נישט באוויזן אויפאיינמאל - וואס דאס וואלט געווען זייער שווער צו פארנעמען - נאר ער איז געקומען פון אלע פיר זייטן. עס איז נישט פשט אז דאס איז א טעכנישע עצה, וואס דער רבונו של עולם האט געוואוסט אז טאמער מען וועט זיי צופיל אנשטרענגען - וועט עס נישט ארבעטן, זיי וועלן עס נישט קענען פארנעמען, דערפאר איז ער געגאנגען צוביסלעכווייז און אזוי וועט עס בעסער ארבעטן, ניין! נאר דער פשט איז: דער אויבערשטער קומט דא צוגיין מיט א מורא'דיגע תורה, נורא נוראות! אבער דער וועג וויאזוי מען גיבט דאס איבער פאר אידן איז: מיט רחמנות! זייער פאמעלאך און צוביסלעך, דער רבונו של עולם קומט 'כנשר יעיר קנו', לאט לאט - לויט די כוחות פון יעדן מענטש באזונדער! אזוי גיבט מען תורה! און דאס איז א חלק פונעם 'התגלות אלקות' פון מתן תורה, דער רבונו של עולם גיבט דאך די תורה ווייל ער וויל אז מען זאל אים 'קענען', נו, **אויב דו מיינסט אז דער רבונו של עולם איז שטרענג - קענסטו אים נישט!** דו ווילסט האבן א ריכטיגע השגה אינעם רבונו של עולם?! זאלסטו וויסן אז ער איז אן 'אב הרחמים'! דע את אלקי אביך ועבדהו!

## כי הוא ידע יצרנו

דער יצר הרע פרובירט אראפצומאלן עבודת ה' ווי כאילו עס איז צי שווער, און שפעטער הייבט ער אן מיט קושיות און בלבולים וואס ער דרייט א קאפ. דערפאר דארף מען וויסן: מען טאר נישט גלייבן דעם יצר הרע! עס איז נישט ריכטיג! **עבודת ה' איז זייער בא'טעמ'ט און צוגענגליך! דער רבונו של עולם פארשטייט אונזערע כוחות און ער פאדערט נישט פון אונז עפעס וואס איז צי שווער!** דאס איז בלויז איינע פון די פרטים פונעם מהלך פון 'רחמים' אין עבודת ה'. און מען קען זייער אסאך שטייגן פון דעם מהלך, בפרט אין דעם דור. א מענטש וואס פירט זיך מיט אזא הנהגה, וועט אנקומען צו א גרויסע מדריגה - גארנישט קלענער ווי דער צווייטער וואס גייט אויפן דרך פון 'שור'.



מערכת השיעורים
בארה"ב: 718.536.2347
בארה"ק: 072-3323310

כל הזכויות שמורות
למכון תולדות יהודה סטיטשין - להוצאת ספרי כ"ק מרן רבינו שליט"א
אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת

ניתן לקבל מידי שבוע במייל:
gilyondoeihu@gmail.com
Tel. 718.438.0032 #3